STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04492

MANEKINEN

Devorah Fogel

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער דיכטערין פּאָעזיע [illegible]

דבורה פֿאָגעל

לעמבערג - פֿעברואַר 1934

דבורה פאגעל

מאנעקינען

לידער

ווארשע—לעמבערג 1934 פארלאג „צושטייער"

Debora Vogel

MANEKINY

Poezje

Lwów-Warszawa 1934 Nakł. „CUSZTAJER"

Druk. „POL" Warszawa, Przejazd 11, tel. 111.7-31

מאנעקינען

1934 — 1931

פיגורן-לידער

I

ווען טעג קאָנען שוין נישט אַנדערש זיין
ווי גראָד אַזעלכע
איז דער רעכטעק די פיגור פון אונזער לעבן.

דער רעכטעק איז פון זיסער מאָנאָטאָניע די נשמה:
ווען איין גאַס איז פאַראַן פאַר אַלע טעג
אָנגעהויבן אין דעם הויז ווו מען וווינט
און געשלאָסן אין דעמזעלבן הויז
ווען די זון הענגט פון דער צווייטער זייט.
דער רעכטעק איז די נשמה פון אָפּזאָג;
אַ גראָע באַן מיט וואַגאָנען פאַסירט סטאַציעס מיט איין נאַכט-לאַמטערן
טעפּ גראָע און בלאָע הענגען אויף ווענט קאַלעך-גרינע
אַ גראָער טאָפּ, אַ בלאָער, אַ גראָער...
איבער גאַסן ווו דער נעפּל בליט פאָרן וואָגנס מיט מילך-קאַנען
און אין שטיבער שטייען ווענט און טישן
און ביי ווענט און טישן פיגורן מיט גלעזערנע אויגן

II

אָבער דער קוואַדראַט וואַנדערט ניט
אין דער אומעטיקער ווייטקייט
פֿון איין גאַס.

דער קוואַדראַט פּאַסט אַריין דאָס גאַנצע לעבן
אין קלומפּן בלייערנע פֿון טעג
פֿאַרלוירענע שוין פֿון אָנהויב, שוין פֿון תמיד.

מען קאָן בלייבן אין דעם הויז וווּ מען וווינט
וואָרים גאָרניש קאָן געשען
אין צווייטן הויז.

צוואָס גיין אין אַ צווייטער גאַס:
אַ קוואַדראַטישע פֿלאַך פֿון זיסער מאָנאָטאָניע
איז דאָס לעבן, איז די וועלט.

III

ארום און ארום דער שטאָט גייט אַ בלאַסע גאַס
אין דער בלאַסער קוילעבדיקער גאַס
קרייזן בלאָע דאַמען הערן שוואַרצע
אַלע הייזער זענען גלייך אין דער גאַס
דער קוילעבדיקער.

צוואַס ביין אין דער אומעטיקער ווייטקייט
פון אַ גאַס אַ קוילעבדיקער
ווען אין יעדן הויז קומט פאַר אַלצדינג
וואַס קאָן זיין.

און ס'קאָן קומען די באַגעגעניש
און אַ צווייטע...

די שטאָט איז די נשמה פון קרייז
דער קרייז איז אַ מידער גוף
וואָס האָט זיך אָפגעזאָגט פון וואַרטן
אויף די טויזנט קאַלירטע זאַכן
וואָס וואַלטן באַדאַרפט געשען.

דאָס גראָע הויז אין ערשטער גאַס און צווייטער
איז די פאַרביקסטע זאַך
פון אַלע אומבאַקאַנטע מזלות אין ווייטע גאַסן.

IV

צומאָל איז אַ קײלעכדיקער בלעך־טאָפּ
אַזוי אומעטיק װי אַ לאַנגװײליקער מענטש.

אין אַסך הײזער רײבן דינסטן גרױסע בריקן
און בלאָע זעלנער מאַרשירן אין גאַסן
און אױף זעלנער אוניפאָרמען שטײפע
און אױף בלאָע זעלנער־מונדירן
בלאַנציק געפּוצטע פיר קײלעכדיקע קנעפּ.

אין װיטרינעס טרױעריקע פּאַפּיר־לאַלקעס
פּרעזענטירן קלײדער קאָרן־בלאָע
און צעשמײכלטע פּאָרצעלײ־לאַלקעס
שטעלן אױס האָר אָנדולירטע
דרײ צענטימעטער ברײט יעדע כװאַליע
װי פון בלעך שװאַרצן און פון געלן בלעך.

און טראַמװאַיעס רױטע און בלאָע
פירן אָפּ מידע פּאַרשױנען
אין דעם פלאַכן הױז װוּ מען װױנט:
איטלעכן אונטער זײַן נומער.

ערשטע סטאַציע. צװײטע סטאַציע. דריטע.
ברײטע-גאַס... לאַנגע-גאַס... גאַרטן-גאַס...
גאַרטן-גאַס... לאַנגע-גאַס... ברײטע-גאַס...
ערשטע סטאַציע. צװײטע סטאַציע. דריטע.

אַ גרױסע קײל פון גאָרער גלײַכקײט
איז דאָס לעבן,
איז די װעלט.

V

צווישן פּאַטעטישע גופֿים פֿון גראָען בליימעטאַל
וואָס ווילן שוין מער גאָרנישט
איז די עליפּסע דער איינציקער גוף
וואָס וואַרט נאָך אויף באַגעגעניש אין שטאָט-גאַסן

די עליפּסע פֿאַרשטייען צעוואַנדערטע פּלאַנעטן
און אַלע איינזאַמע מענטשן
וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון וואַרטן.

די עליפּסע איז די בענקשאַפֿט פֿון רוים
און די פֿאַרביקע ווייטקייט פֿון מזלות.

און ווען אַלצדינג איז שוין פֿאַרפֿאַלן
דענסטמאָל מוז מען זיך אפשר אומקערן
צו דער טרויעריקער בענקשאַפֿט פֿון עליפּסן
וואָס ווילן נאָך תמיד עפּעס.

אַסך טעג פֿאַראַן אין גרויסן רוים.
אַסך מענטשן. אַסך אומבאַקאַנטע זאַכן.
אַ גרויסער וועג ביים פֿון איין טאָג צום צווייטן:
דער פֿאַנטאַסטישער וועג פֿון אָפּזאָג.

קײלעכדיקע לאנדשאפט

אין שטיבער קאנטיקע װי דער אפזאג
װײס און װאסעריק געקאלעכטע קיכן
װערן רײף מעשענע טעפ-מאראנצן
בלאע לענגלעכע פלאמען פון טעפ.

און פלאשן װי לימענעס קילע, גלעזער שטילע
צעפענען לײבער רעזיגנירטע
פאר פארחלומטן פרעמדלענדישן טײ
און קאװע װאס איז הארט װי דער אפזאג...

אינדרױסן גײען קײלעכדיקע גאסן
װאגנס פירן זיסע װײסע מילך און קאנען
און אומגױטיקע ברוסטן מיט מילך זיסער
בױגן זיך איבער גראע זיסע קאנען.

פארשטאט-גאסן עפענען פענצטער-לאדנס
מיט נאפט-באנקעס זילבערדיקע רונדע
און מיט הערינג-פעסלעך קײלעכדיקע פעטע
און מיט זעק פון מעלגריס און ברױנער קאשע.

און אױף טראטואַרן און סקװערן
שאקלען זיך קײלעכדיקע היט פון הערן שװארצע —
מענטשן האבן ערגעץ אנגעװױרן זײער גורל
און שפאצירן.

װאס איז בענקשאפט... װאס איז אפזאג...

הערינג-פעסלעך

קיילעכדיק ווי די וועלט און ווי די שטאָט
זענען די פינעף הערינג-פעסלעך מיט רייפן
אין דעם קאָלאָניאַל-געשעפט
בּרייטע גאַס נומער 20.
אין קיילעכדיקע פינעף האָלץ-פעסלעך
ליגן גראָע געזאַלצענע פעטע הערינג

א שטיק
50 גראשן גראשן 50
פעטע הערינג
בּיי יאזוא שימעל

און אויף ווייטע בלאָזיקע ימען
גייען שמאָלע שיפן פיש באַלאָדן
— פיש גרויע און סאַמעטענע ווי אַ האַרבסט-טאָג —
גייען שיפן אין אַ בלאָער, קילער ווייטקייט
פון שטאָלערנע רעזיגנירטע פייסאַזשן...

און אויף ימען הייסע
פון בלאָען קאָבאַלט און אולטראַמאַרין
גייען שיפן מיט מאַראַנצן באַלאָדענע
מיט באַנאַנען פליישיקע און דושנע טייטלען...

שיפן גייען פון מעשענע פייסאַזשן
ווו די זון איז אַ גרויסע מעטאַל-קויל
ווו אין באַסן עלאַנטישע ווי גאָלד-בלעך
איז אַלצדינג ווי צום ערשטן מאָל און נייטיק.
פאַנטאַסטיש און ווי פון גאָרנישט
ווי דערפאַרענע, אַלטע באַנאַנען. ווי מאַראַנצן.
ווי מענטשן מיט פאַרשפּילטע מזלות.

האַלץ־סוחרים

הונדערט, גבֿעלע בערעטער און צוויי־הונדערט
אין אַ בלאָען קלאַש מיט געלער זון.
אַ בענקען זינגט פֿרי אַ זייגער פֿינעף
אין דער קוילעכדיקער חייטקייט פֿון אַ שטאָט
מיט די טויזנט קאָלירטע חייטע זאַכן...

גבֿעלע בערעטער לעבן טעג פֿאַנטאַסטישע
מיט באַגעגענישן וױ קאָלירן און גראָע אָפּזאָגן
וואָס עפֿענען זיך און שליסן
ווי אַ בלאָער טאָג און ווי פֿון אַנטראַציט די נעכט.

און ווען ס׳קאָן שוין מער גאָרנישט קומען
איז מען ווידער און ווי פֿון תמיד
אין דעם לאַנגוויליקן וואָקזאַל פֿון האָלץ־לאַגער
ווו עס וואַרטן האָלץ־שייטן מיט פּיס.

טעמפּע וואַסערדיקע אויגן פֿון האָלץ־סוחרים
און קאַנטיקע הילצערנע ליפּן
לעקן אָפּ איצט דעם רויש דעם קאָלירטן
וואָס קלעבט נאָך אויף צעוואַנדערטע בערעטער:

ווי זאַכן וואָס זענען נישט געקומען
קלעבן שפּעטער אויף קליידער און אויף פֿינגער
ווען מען קערט זיך אום פֿון בעפֿרוחטע
און ראָך גאַנץ אומגוויטיקע רייזעס.

לאָקעס

אַ לאַנגע צייט געשטאַנען איז זי
ווי אַ האַלבאַקט אין פאָרצעליי
אונטער אַ מילכיקער שויב:
פּריזיר־געשעפט – ברייטע גאַס – נומער פופצן

פון רויטלעכן פאָרצעליי־טייג
פון רובענסישן פרויען לייב
געקנאָטן איז זי געווען
און פאַרפּירט מיט צוויי ראָזע ברוסט־עפּל
ווי מיט קוילעכדיקע גלאַנציקע אויגן.

מיט האַלב־צעעפנטע אויגן
האָט געשמייכלט דאָס פאָרצעליי
גלאַט און וואַסערדיק ווי פאַרחידושט
פון אַלצדינג וואָס פּאַסירט אויף דער וועלט
פון דער צווייטער, פון יענער זייט גלאָז.

און פון יענער זייט פונעם פענצטער
שפּאַצירט האָבן מיט עלאַסטישקייט לאָקעס
מיט אויגן זיסע מאַנדלען לאַנגע
און באַוועבלעכע הענט און פיס.

לאַלקעס מיט אַ האַרץ אַ באַוועגלעכס
טראָגן אויגן־אַפּלען גלעזערנע אין טוש־ברעמען
און אַ שמייכל אין קאַרמין מאַרקע קאַמעלעאָן
און פּנימער פֿון פּאָרצעלײַ װאָס שמייכלט.

אין דערזעלבער צייט פּרעזענטירן
ראָזע לאַלקעס ברייטע נאַס נומער פֿופֿצן
ברוסטן לעבעדיקע װי קײַלעכדיקע עפּל
און אַ טרויעריקייט װי נאָך אַ גליק אַ פֿאַרשפּילטן.

פערד און טאָרסן

דעם מאָלער כירִיקאָ

ס׳איז ווי אַ מיסטעריעזער שטענדיקער וואָס זיי האַלטן די אויגן אָפן
טראַגישע פערד אויף די בילדער פון כירִיקאָ
און נישט הוילע לעבער: אייביקע אויגן פון סקולפּטורן

ביז צו דער ערד פאַלן אַראָפּ פערד-לאָקן
פון שטיין ברוינעם און ווייסן מאַרמאָר
גלייך צו דאָרישע און יאָנישע קאַפּיטעלן.
די פיס אָבער זענען האַרטע פיר קאָלומנעס.

לעבן זיי אַלטע טעמפּלען פאַר געטער
זענען ווי דעמבעס באַיאָרטע
מיט שטומפּן פון מויערן און בלינדע לייבטאָרסן.
אַ, אומבאַהאָלפנקייט פון טעמפּלען אַלטע
פון טאָרסן מיט הענט אָפּגעהאַקטע
פון פערד בלינדע מיט גריוועס געלאָקטע...

און פּריזיר-ווייטרינעס די וואַקס-לאַלקעס
שמייכלען בלינד ווי אַנטיקע טאָרסן
וואָס קומען פון אַ ווייטער וועלט
מיט אַ טראַגישן באַשלוס: צו פאַרגיין...
און קאָנען נישט פאַרגיין:
טאָרסן מיט צוויי אויגן בלינדע.

אין אַלטע טעמפּלען לאָמיר מאַכן פריזיר־װיטרינעס:
אַ װיטרינע מיט בלינדע טאָרסן װאָס זען אַלצדינג
אַ װיטרינע מיט טאָרסן אין מאָדישע פריזורן!

און פערד שטאָלצע מיט שטײנערנע גריװעס
אויסשטעלן אין רוימען פון גלאָז און אײַזן
װי ס'שטעלן אויס פאָרד און סיטראָען.

װאָרים אַלץ װאָס געשעט איז בלינד
װי אַן אַלטער טאָרס
מיט הענט אָפּגעהאַקטע
און װילע לעבער אויף אויגן.

מאַנעקינען

דריי לאַלקעס קוילעכדיקע פֿון ראָזע פּאָרצעלײַ
שמייכלען אונטער גלאָז-שויבן פֿאַרלוירן
ווי טרויעריק בלעך וואָלט געשמייכלט, ווי פּאַפּיר

הויבן אויף איין ראָזן אָרעם
הויבן אויף דעם צווייטן ראָזן אָרעם
הויבן אויף דעם ערשטן אָרעם...
פּרעזענטירן בלאָע רוישנדיקע קליידער:
היי יאָר איז דער בלע-קאָליר און מאָדע...

די וועלט איז אַ קאַרוסעל פֿון פּאָרצעלײַ
מיט לייווענטענע הימלען בלאָע
און מיט הימלען פֿון עלאַסטישן גאָלד-בלעך
ווי צוגעקלעבטע שוואַרצע ווערן שטייפֿע
און עלאַסטישע דאַמען בלאָע
האָבן מער גאָרנישט וואָס צו טון
נאָר שמייכלען מיט בלאָע לאַקיר-אויגן
און געצירקלטע קאַרמין-ליפּן.

ערשטע נאָך צווייטע גאָט אַ דריטע...
אַלע צוויי מינוט אַ דריי און ווידער...
ביז אַ צווייטע טאַפּירענע זון
לייכט אויף הימלען פֿון לייוונט.

און גאָרנישט מער קאָן מען טון
ווי שמייכלען נאַריש צו אַלצדינג...

אַ ליד פֿון שטוב-מעבל

שטיבער קאָנען ווי מענטשן זיין פֿאַרלאָזן;
שטיבער אויסמאַפּעטירטע מיט אָפּזאָג
ווי צווישן שטילע טישן און קרעדענצן
האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַמאָל אומעטיק פֿאַרפּלאָנטערטע מזלות.

דעמאָלט ערשט שלעפּן אַפֿיר די מעבל
פֿון דער קאַנטיקער איינזאַמקייט זייערע
פֿאַרבאָרגענע נאַר מאָדנע געשיכטן;

פֿון דעמבן-האָלץ מעלאַנכאָלישן
פֿון רויטן מאַהאַגאָני, וואָס בענקט נאָך אין דער גרויסער ווייטקייט
און פֿון סאַמעטענעם העבאַן וואָס וויל מער גאָרנישט.

און בונט-פֿאַרביקע, פֿון דער ווייטקייט באַלערנטע
הייסע מעפּיכער פֿון בלאָער סמירנע
לאָזן זיך אַריין אין אַ צערטלען
פֿון הענט מידע און פֿון מידע בלעטער.

און צום סוף צעעפֿענען זיך אויוון-קאַכל
מיט אַ לאַנגער אומפֿאַרשטענדלעכער מעשה
פֿון זאַכן פֿאַרשפּילטע שוין פֿון אָנהייב...

און אַ פּוסטע שטוב
און אַ גרויסע פֿאַרלאָזטע שמאַט
ווערן פֿול מיט קאָלירטע מזלות.

וואַסער

איבער שטיינער מויזנט יאָר אַלטע פליסט וואַסער
אין ברונעמס הונדערט מעטער טיפע שטייט וואַסער
און אין קוך־טעפּ גרויסע באַנאַלע.

דאָס באַרג־וואַסער איז ווי אַ פּאַטעטישע דראַמע
ווי אַ קילע טרייד פון אַלצדינג וואָס איז
ווי דאָס לעבן נאָך לאַנגע יאָרן וואַרטן;

אָ, ווייסע שטיינער, אָ, דאָס פליסן...
דער הימל איז בלאָ און די מויערן גראָ...
זיס ווי אַ מאַנדל איז דער הימל...

און אין קיילעכדיקע בלעכערנע קוך־טעפּ
לעבט לויב־וואַסער פעטלעך ווי דער לאַנגווייל
טרויעריק ווי מעל און ווי מענטשן
וואָס קאָנען נישט לעבן פון גאָרנישט.

אָבער אָוונט, ווען אַלצדינג איז שוין פאַרפאַלן
שטייען אין בלעזער לעבעדיקע וואַסערן;
ברוינע קאַווע, טיי קופּערנע, אָראַנזשאַדע;

פון בענקשאַפט די ביטערקייט
פון פרעמדע לענדער די פאַרביקע ווייטקייט
און פון טעג אויפגעגעבענע די אַראָמאַטישע קילקייט.

אין קאַפּען אין באַרט אין דיקן
אין קאַנטיקע שטיבער מיט מעבל
טרינקט מען לאַנגזאַם
און מער טוט מען גאָרנישט
פֿון בענקשאַפֿט די ביטערקייט
און פֿון לעבן די זיסקייט

דורך אַ דינעם שטרוי
פֿון אַ נאַריטן גלעזל אָראַנזשאַדע
מיט אַ קרײַזל מאַראַנץ און גלאַז

צווי מעטאלן

דריטער קופּער איז אַ פֿאַנטאַסטישע ערד-טרער
אויסגעוויינט אין אַ מינוט פֿון גרויסן גליק
ווען מען האָט אַלצדינג
וואָס מען קאָן האָבן.

עלאַסטיש ווי האַרבסטיקע גאַסן
פֿון רויטן און געלן קאָליר-טוך
וואָס זאָגן נאָך צו אַסך
און כשופֿן מיט קלוגן פּאַרמעט
ווי מיט אומבאַקאַנטע מזלות —

איז קופּער די נשמה
פֿון טעג ווען אַלצדינג איז מעגלעך
אין שטיבער באַנאַלע
אין גאַסן מיט גאָרנישט ;
מיט לופֿט בלאָער און געלע לאַמטערנס...

אָבער גראָער צין איז באַצערט
און אומבאַהאָלפֿן.

טרויעריק ווי לאַנגווייליקע מענטשן :
גראָע מענטשן וואָס קאָנען נישט לעבן
פֿון גאָרנישט :
נישט פֿון לופֿט בלאָער
נישט פֿון וואַרעמע לאַמטערן-לאָמפּן...

הייזער

צינאָבער-דעכער : טראַפּנס וואַרעמקייט.
און הייס אין פאַרקרומטע רעכטעקן געזאַמלט :
יענץ הייס וואָס איז פלאַך און אָן זײַטקייט
ראָ וועדט עס א זיכער בעזינפן...

אָנגעשפּאַרט זיך אין מויערן
אָנגעשפּאַרט זיך אין דעם אָדאַל פון א גאַס.
אָ, די גאַס האַלט זיך געשלאָסן אין א קרייז
און אַזוי שטיל פאַרענדיקט איר גאַנג
ווען די הייזער האָלטן באַשטאַנען...

אָבער די הייזער ווילן נישט דעם טויט :
די הייזער ווילן בלויז אויף איין אָטעם
אָפּרוען זיך — ביים גראָען ים : ביי דער גאַס...
און ווייטער פאַרלאָקט זיי דער בויגן פון מזלות..

אויף אַן אָטעם בלויז
טוליען זיך די ווענט צעטומלט
פאַרן ברויסן ים פון שטילקייט
וואָס האָט אויפגעשפּראָצט אַרום זיי מיטאַמאָל.

שפאַץ-גראָטעסקע בערלין

פּיאָלעט איז דושנע ווי אַ פאַרלוירן לעבן
און ווי אַ פאַרשפּילטע זאַך פאַנטאַסטיש
און אַ גאַנצן אָוונט און אַ גאַנצע נאַכט
קרייזט פּיאָלעט אויף אַ גראָער מויער.

און די מאַראַנצענע רעקלאַמע אויף אַ צווייטער וואַנט
צעעפנט זיך מיט ווייטע פּראָספּעקטן
גלייך אַלטבאַקאַנטע שטעט און הייזער
וועו מען קאָן פון זיי אינערגעץ נישט אַוועקגיין.

ביז עס קילט אונז אָפּ אַ ציטראָנגעלע לאַנדשאַפט
מיט דער גלעזערנער קילקייט פון פאַרציכטן
מיט דער קלוגשאַפט פון רעכטעקן און קובן —

אין פּיאָלעט מאַראַנצרויט ציטראָנגעל
געשריבן שטייען פאַרפּלאָנטערטע מזלות:

אופא-פילם
האטעל שטאט לעמבערג
א ו פ א

שטייט געשריבן אין פּיאָלעטענע דושנע אותיות
און מער גאָרנישט שטייט נישט געשריבן
מיט דער פאַרב פון פאַרשפּילטע זאַכן...

= די = קוישע סוזאַנאַ = די קוישע = סוזאַנאַ = די =
פליסט פארביי אין מאראנצענע ליכט-בלאָבן
פליסט פארביי הונדערט מאָל און טויזנט מאָל.
היינט העט אַ גרויסע פובליקע
קאָנען ציטערן פאַר פאַרבאָרגענע הייטע זאַכן:
פאַר ברוסטן צאַרטע הי דורכזיכטיקע עפל-בלומען
פאַר בייכער שמאָלע הי קאָסטבאַרע פערל-מושלען
פון = דער קוישער סוזאַנאַ = דער קוישער = סוזאַנאַ = דער =

און גאַנץ שפעט דעמאַסקירט זיך אויף איינמאָל
אויך דער נאָבלער קאָליר פון אָפזאָג
די פאַטעטישע לאַנדשאַפט אין ציטראָן-געל
אויף אַ רויטער מויער אַ זעקסגאָרנדיקער:

שטויב-זויגער

ביי פריץ דואלף
צו באַקומען

דער = דער פיינסטער = דער דויערהאפטער = שטויב-זויגער =

שטייט געשריבן אין קאָליר נאָבלען פון אָפזאָג
מיט דער גלעזערנער פאַרב
פון טעג פאַטעטישע הי גרויסע רעכטעקן
האָס אויף איינמאָל און גאַנץ אומערהאַרט
דעמאַסקירט זיך:
פון געוויינלעכע לימענעס דער קאָליר...

פרינקלידער

1930 — 1932

טרינקליד I

איצטער איז די צייט בעקומען
בעקומען די צייט פון טרינקלידער
ווארום טרויעריק זענען מיר ביז צום טויט.

וואָסזשע קאָן מען טון
ווען ס'נעמט אונז אַרום דער טרויער
ווי אַ קרײַז מיט טויזנט אָרעמס
פון דער זייט און פון דער צווייטער זייט
וואָסזשע קאָן מען טון...

ווען מען קען נישט לעבן אָן מענטשן
און מען קען נישט לעבן מיט זיי!

טאָ זאָל מען זיך זעצן אַרום טישן
פרויען זאָלן זיך אין ווייכן סאַמעט אָנטון
מענער זאָלן הייסע ליפן ברענגען
און הענט צערטלענדיקע טרויעריקע הענט.

און מען זאָל קרישטאָלענע גלעזער שטעלן:
פון קילן בערנשטיין גלעזער, פון רויטע קרעלן —
און זיך טוקן אין דעם קלעפּיקן געטראַנק
אין געטראַנק פון טרויבן און פון קושן.

און מער גאָרנישט
און מער גאָרנישט טון
ווארום וואָסזשע קאָן מען מער נאָך טון...

טרינקליד II

וואַרטן.
וואַרטן ביז אין ערשטער גאַס און צווייטער גאַס
וועלן גײַ אין רויט אויפֿבליען פֿענצטער פֿון הײַזער.

וואַרטן.
וואַרטן ביז טרויעריקע פֿענצטער
וועלן מיט שווערע פֿאַרהאַנגען פֿאַרגיין.

ווי פֿיל מזלות װערן איצט אויסגעשפּילט
אונטער געלע פֿענצטער־שויבן.
די אומבאַהאָלפֿן און טרויעריק
און אויף אייביק פֿאַרשפּילט.

און אַלע שטיבער
אונטער אַלע באַלויכטענע פֿענצטער־שויבן
זיצן מענטשן בײַ טישן און בײַ ווענט
און ס׳קומט גאָרנישט פֿאַר אין די שטיבער
און ס׳איז אַלץ וואָס ס׳קאָן געשען.

פֿון גאָרוועלטישע ווייטע גאַסן
זענען מענטשישע מזלות איצט צוריקגעקומען
אין דער שטוב, ווו מען וווינט.

איצט איז געקומען די צײַט פֿון טרינקלידער
וואָרום גאָרנישט קאָן שוין קומען פֿון די גאַסן.

טרינקליד III

אונזער טרינקליד איז טרויעריק.
ווי דאָס לעבן. ווי דער טויט.

וואָסזשע זאָל מען טון
ווען ס'קומט באַרנישט פון דער גרויסער צאָל גאַסן
און ווען אַלצדינג ווערט שוין גלייך
וואָס קומט.

ווען ס'קומט גאָרנישט
איין יאָר און צוויי יאָר און דריי
זאָל מען איבערזאָגן אַלע טעג און הונדערט מאָל
אַן אומבאַהאָלפן ליד פאַר דעם לעבן:

וואָסזשע קאָן נאָך מערער קומען
וואָס מער
ווי דער קופּערנער קאַשטאַן-בוים אַלע האַרבסטן
ווי געווייגלעכע מענטשן אין גאַסן באַנאַלע,
אין שטיבער באַנאַלע מיט ווענט און מיט טישן
וואָסזשע קאָן מער קומען.

ווען אַלצדינג איז צאַרט און זייער זעלטן
ווי דורכזיכטיקער און שמעקנדיקער פּאָרצעליי:
וואָרום ס'וואַרט די קאַלטע ערד מיט רוים צוויי מעטער
וואָרום ס'וואַרט דאָס גאָרנישט, דער טויט.

פוסטע גאַסן זענען פאַרביקער ווי דאָס גאַרנישט
און אַלצדינג וואָס קומט איז מער
ווי דאָס גאָרנישט, ווי דער טויט.

לאָמיר זינגען אַ וויגליד צום לעבן
וואָס איז טרויעריק ווי דער טויט.

טרינקליד IV

און פֿאַרבײַ מוז זײַן דער טאָג מיט הונדערט גאַסן
דורכגעמאָסטן זײַן פֿון אַלע שטעט די גאַסן
מיט פֿיל הונדערט מידע פֿיס.

איבעמער ערשט קאָן מען אויפֿזינגען אַ טרינקליד:
ערשט איצט.
ווען מען דאַרף מער גאָרנישט װעלן.

לאָמיר בעלע לאָמפּן אָנצינדן
לאָמפּן קאָן מען אויסלעשן ווען מען וויל
און זיך ברייטן מיט אַ שוימיק טרינקליד
אויף דעם צווייטן טאָג וואָס וועט קומען
וואָס איז נאָך נישט פֿאַרשפּילט און נישט פֿאַרלוירן
וואָס אין אים קאָן נאָך עפּעס געשען...

מאָרגן צילט אונז ווידער אָפּ
דער קילעכדיקער זון-לאָמטערן
נאָך אַ טאָג אַ פֿאַרשפּילטן. און אַ לעבן
וואָס אין אים קומט גאָרנישט נישט פֿאַר...

טרינקליד V

אין ליד זאָל מען אָנגרייטן איצטער
פאַר דער טרויעריקסטער שעה פון דער נאַכט:
ווען קאַלטע שטערן-זונען פאַרבלאַסן
ווען זיסער ווייַן גייט אויס אין דויטע גלעזער
און מען גייט אויס פאַמעלעך, ווי אַ לבנה, ווי אַ רויטע זון,
פון לויטער מידקייט.

האָסטשע בלייבט אונז מער אין לעבן
ווי דאָס וואָס איז ענלעך צו טויט;

ווי דער טאָג און די נאַכט און דער טאָג.

לאָמיר אויגן צומאַכן און גיין.
לאָמיר גיין צוויי מאָל אין טאָג און הונדערט מאָל
אין די הייזער מיט די פאָר מאָס גראָ
אין די הייזער ווו ס'קומט גאָרנישט פאָר...

און די הענט שטייף צושפּאַרן צום לייב.
נישט אָרויסשיקן איבעריקע הענט
אין גאַסן, ווו מען וועט קיינמאָל נישט
אַלע מאָל — נישט דאָס געפינען...

לאָמיר אויסטרינקען די לעצטע שעה ביז גאָר;
באַלד קומט דער געלער רוים מיט גאַסן
ווו מען מוז נאָך תמיד עפּעס וועלן
תמיד...

טרינקליד VI

איצטער זופּט צום לעצטן מאָל די נאַכט
מיט דעם רויש פון דער מאָן-בלום שלאָף.

לאָמיר צוברייטן זיך צום אומעט
פון אַלצדינג װאָס קאָן קומען אין אַ טאָג
מיט אַ טאַנץ.

דאָס זעקסטע טרינקליד צוגעטרונקען
צום בלאָען נאַכט-באָקאַל
זאָל הייסן דער טאַנץ פון רעכטעקן.

איין מאָל שריט. איין מאָל שריט. נאָך איין מאָל...
און אין גראָדער ליניע פאָר ביי פאָר...
און איצט װידער צװיי שריט אין דער קװער —
און צוריק: איין מאָל שריט. איין מאָל שריט. נאָך איין מאָל.

זיס זענען שטייפע רעכטעקן
און פאַרהאַקן זיך קיינמאָל נישט בלעכערן
מיט דעם שערבל פון אַ קלאָג: נישט דאָס...
מיט דעם גרילץ פון אַ װאָרט: צוװאָס..

דױטע בלעזער-זונען אין דער האַנט
פון קליידער שטייפע אַ מעטאַלישער גלאַנץ
און אַ גלעזערנעם קלאַנג זיך דערלאַנגען לאַנג
פון איין זאַל צום צװייטן טאַנץ-זאַל...
איין מאָל שריט... איין מאָל שריט...

און איצט שטיל זיך בעשיטן איבערן זאַל
די פֿאַרוויאַנעטע רויטע האַרבסט-בלעטער —
ווער געדענקט אין פֿאַרלוירענע יאָרן...

איין מאָל שריט... איין מאָל שריט... נאָך איין מאָל...
ערשטע גאַס, צווייטע גאַס, דריטע גאַס...
ערשטע שטוב מיט טישן און ווענט...
צווייטע שטוב מיט פיר פּלאַכע ווענט...
דריטע זון פֿון איין זייט הייזער, פֿון דער צווייטער...

וואָס קאָן מער נאָך קומען, וואָס מער...
זיס זענען שטייפֿע רעכטעקן.

האַרבסט-מאָטיוו I

נאָך אַמאָל צעעפֿענען זיך גאַסן
מיט פּראָספּעקטן פֿון פֿאַנטאַסטישע מזלות
און זאָגן אַלצדינג צו. נאָך אַמאָל.

און מען לאָזט זיך אַרײַן אין די גאַסן
אַלע וועגן זענען ווי איין וועג
און מען קאָן נישט אַרויס פֿון יענער גאַס
און נישט פֿון דער מידער קאָמפּאַניע:

לאַמטערנס, וואָס באַהאַלטן דעם לעצטן פֿלאַקער פֿון וואַרטן
אונטערן שמייכל פֿון גלײַכגילטיקע בלאָז-ליפּן
און גייען אײנציקווײַז, אַלצאײנס שוין וווּאַהין...

און ביימער גאווהדיקע מיט דער אומפֿאַרשטענדלעכער
קאָלירטקייט פֿון אַ גרויסער מידקייט...
און טראַמבאַנס, וואָס גייען צוריק אין רעמיזעס...

ביז מען שטעקט זיך אָן מיט דער שטימונג
פֿון דער מעלאַנכאָלישער קאָמפּאַניע
אין דעם מעשענעם האַרבסט-סאַלאָן:
מיט דער מידקייט פֿון פֿאַרשפּילטע זאַכן.

בלעטער פֿאַלן. מידע בלעטער.
רויטע בלעטער, געלע בלעטער.

הארבסט-מאטיוו II

איצט װעט גאָרנישט מער קומען
אויף גאָרנישט מער זאָל מען שרײַען װאַרטן
און אַלצדינג װערט אומנוציק און פֿאַר קײנעמען.

איבער די אָװנטן װיקלט זיך אויף
אַ לאַנגער באַלן פֿון טײַערן מעלאַנכאָליע-טוך
געשטיקט מיט מוסטערן פֿון פֿאַרלוירענע זאַכן.

און גרויסע גראַנאַטענע נעכט זענען נאָך אויסגעזעצט
מיט װײַטע שימערירנדיקע לבֿנות פֿון זאַכן אומבאַקאַנטע
װאָס קאָנען נאָך אפֿשר קומען. אפֿשר.

אָבער אין נאַסן פֿאַרמעטענע װאָס זענען שרײַען פֿאַר קײנעמע
װערן צו גאָרנישט קײנמאָל נישט געװעזענע זאַכן:
פֿאַנטאָמען קאָלירטע אויף קוליסן פֿון גראָען װאַרטן.

פֿאַר די פֿענצטער שטײען זשאַװער-רויטע קאַשטאַנען.
שמעקן מיט װאַקס. מיט דעם װאַקסענעם רויט פֿון זאַכן
פֿאַרשפּילטע שוין פֿון אָנהויב, שוין אויף תּמיד.

הארבסט־נעפּל

הײנט איז שוין אומעטיק די גראָקײט
דער זיסער נעפּל, דער רעגן־טעפּיך:
בלעטער זענען שוין נאַסער זשאַווער אויף טראָטואַרן.

בלעטער הענגען נישט מער אויף בײמער
וואַרטנדיקע אויף פֿאַנטאַזיעס און קופּער —
נאָך מיט אַ האַך צוריק זענען נויטיק געווען זיסע נעפּלען.

פֿון איצטער אָן איז אַלץ וואָס געשעט אומעטיק.
ווי נאָך דער צייט. און ווי בלויז נאָכגעמאַכט דעם לעבן
פֿול מיט אומזיכערע געלע בלעטער פֿון פֿריִען.

און מען דאַרף זיך נישט אײַנלאָזן אין וואָכן
וואָרום אַלץ איז שוין פֿון אָנהויב אָן פֿאַרלוירן
און אַלץ קומט פֿאַרשפּעטיקט און אומזיכער...

ליבע־פּערזן 1920

1

זיי האָבן זיך געטראָפן אין אַ צייט
ווען קיינער קאָן נישט לעבן אָן אַ צווייטן

געמוזט האָבן זיי פון זיך אָוועקגיין

2

און ס'האָט געמוזט אַזוי קומען:

באַגעגנט האָבן זיי זיך דערמאָלט
ווען דער מענטש ווייסט נאָך נישט, אומדערפאַרן
וואָס אַ צווייטער מענטש קאָן אים געבן

און וויל אַלצדינק נישט צו וויסן וואָס
און וויל פון אים דאָס לעבן

3

וואָס זיי ליבן אַנאַנד און געהערן צו זיך
בלייבן זעלטן אין לעבן צוזאַמען.

הערט אויס דעם פּאַרדאָס
וואָס איר וועט אַמאָל ליבן:

ליבהאָבערס ווילן מער שענקען און מער נעמען
ווי ס'איז דערלויבט און מעגלעך אין לעבן.

6

פאַרבייגייער, טרויער קיינמאָל נישט
נאָך אַ פאַרלוירענער געליבטער אָדער
אַ פאַרלוירענעם געליבטן;

אַ לאַנגער וועג פון פאַרלירן
גייט איבער דער וועלט
אסך טעג פאַראַן אין לעבן, אסך פרויען, אסך מענער.

ליבע־ליד

דו ביזט שטיל און לאַנגזאַם
ווי אַ זייער לאַנגע טראַטואַר
וואָס פירט שמעקנדיקע יאָדלעס
פון אַ באַרג מיט בלאָע נעפּלען
אין אַ שטאָט אַ ווייטער מיט לאַמטערנס

איבער טעג מיט געלע זונען
איבער טעג מיט גראָע הימלען.

דו ביזט טרויעריק ווי אַ טראַטואַר
שטיל און טרויעריק ווי דאָס גליק.

מיט דיר וועלן יאָרן פאַרגיין
ווער געדענקט די פאַרלוירענע יאָרן...

מצבה-אויפשריפט.

דעם אָנדענק פון יהודית מאלץ

די װאָס ליגט דאָ אונטער דעם מצבה-צייכן
האָט קיינמאָל זיך נישט פאַרנומען
מיט פאַרביקע זאַכן פון לעבן.
װאָס איז דאָס לעבן...

אין אַ קאַנטינער רעם זענען טעג אירע געלעגן
איינפאַכע װי מצבות.
דאָס לעבן איז שװער פון לויטער בראָקייט
װאָס איז דאָס לעבן...

שיך

דעם אַדענק פון מיין טאַטן.

ערשטע טראָפּן פון געלן ליארעם פאַלן אין גאַסן
רויטע פעטע קאַשטאַן־בלומען פאַלן
און הייסע עפּל־בלימען. און זיפּצן.
פייגל שווימען.

באַלד וועלן מענטשן אָנטון שיך
שוואַרצע שיך, ברוינע שיך...
אַסך פון זיי וועלן גיין
מיט דער זשולקעווסקא־גאַס אַראָפּ
אַראָפּ ביז צו בערנשטיינאַ־גאַס דער פּליכיקער...

נישט די פיס געהערן מער צון אים
נישט דער גוף צו די פּאָר פיס אָן שיך.

אונטערן בעט אָבער שטייען
כמעט נאָך גייענדיקע צוויי שיך שוואַרצע
מיט טריזנט פנים־קנייטשן
און צוויי פאַרלאָזטע קלעצלעך אויסגעדרייטע:

צוויי אויסגעגאַנגענע שוואַרצע לעדער־שיך
וואָס קענען דעם פלאַסטער פון זשולקעווסקאַ.

שונד-באלאדן

1931-1932

באַלאַדע פון א שוואַרצן מעלאַניק.

געקומען איז ער אין א הוט;
א קיילעכדיקן א שטייפן א שוואַרצן
און דעם רונדן הוט איןביידע הענט
לאַנג געקוקט אויף דעם סאַמע שפּיץ שיד.

און דער הוט האָט געטאַנצט אין זיין האַנט;
אפשר פאָקס אפשר בלוס אפשר טאַנגאָ
און אויסגעזען זייער נאַריש
דער קיילעכדיק געשווייפטער מעלאַניק...

זי האָט שטייף צוגעהאַלטן די ברוסטן;
דרייסיק טעג מיט אים — נודנע בלעך-טעפּ...
און נאַרישע שילד-פיגורן
גריסן אויך מיט קיילעכדיקע הוט שטייפע...

געגאַנגען זענען זיי שפּעטער אין אָרעם:
א שפּאַציר — א קינאָ — א טאַנץ —
געזאָגט האָט ער צו איר; די זיסע
און געצערטלט פון מעלאַניק דעם ראַנד.

און איינמאָל איז געפאַלן דאָס חאָרט...
... הייסט עס: ניין — גייסט אוועק — שוין אויף תמיד...
... טאָ פּאַרדאָן — אפשר פּאָרט — אַזוי פּלוצים.
... דער מעלאַניק טאַנצט א טרויעריק-זיסן טאַנגאָ.

שפּעטער געגאַנגען איז ער מיט אַ גאַס
אַזוי לאַנג געגאַנגען ווי נאָך קיינמאָל
און דער מאַנטל איז אויף אים געווען מעטאַלן
און ווי פון בלעך שטייפן דער הוט...

דעמאָלט זענען אַלע בלאָע גאַסן
אַלע בריקן פּאַסאַזשן און טויערן
אויסגעזעצט געווען מיט מעלאָניק-הוט
אַלע מענער האָבן אים פאַרשטאַנען...

אַזוי האָט פאַרשפּילט זיין גליק
אַ מענטש אין אַ שוואַרצן מעלאָניק:
... דרייסיק טעג מיט אים זענען נודנע
ווי היט קיילעכיקע, נאַרישע היט...

באַלאַדע פֿון אַ שלעכטן ראָמאַן

און ס'איז טאַקע אַזוי געקומען
ווי געשריבן שטייט אין שלעכטע ראָמאַנען
מיט די אויסגעטראַכטע לעכערלעכע מזלות...

געבליבן איז ער טאַקע ווי תמיד
די שענסטע דערמאָנונג פֿון איר לעבן.
און געווען איז ער ווי תמיד
דאָס גרויסע אומגליק פֿון איר לעבן.

נישט געקאָנט מיט אים לעבן נישט אָן אים...
פֿאַרוואָס האָסטו צעבראָכן מײַן האַרץ..
און דאָס האַרץ איז אויך תמיד צעבראָכן
ווי געשריבן שטייט אין שלעכטע ראָמאַנען...

...און פֿאַרשפּילט איז אַ לעבן. לאַנג ווי אומעט
ווי פֿאַרשריבן שטייט אין יענע געשיכטן.
וואָס הייסט דען דאָס וואָרט פֿאַרשפּילט...
אָבער אַלע פֿאַרשטייען דאָס וואָרט.

אין אַלע גאַסן און הײַזער
טראָגן אין זיך צאַרטע דאַמען, הערן שטײַפֿע
שערבן פֿון צעבראָכענע הערצער
אויסגעשניטענע פֿון שלעכטע ראָמאַנען...

און פֿון האָלץ אויסגעשניצטע דאַמען זיסע
און הילצערנע הערן שטײַפֿע
מאַכן נאָך אַ שלעכטן ראָמאַן
וואָס הייסט: לעבן און גליק און טויט.

באלאדע פון א צעבראכן הארץ I

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט אַ האַרץ.
ווי געוויינלעך: מיט אַ האַרץ אַ צעבראָכנס
ווי עס הויבט זיך אָן אַ יעדער אומגליק:
נישט מיט אים געקאָנט לעבן, נישט אָן אים.

זיין נשמה איז געווען ווי אַ קאַליר,
געווען נאָר פאַר איר אין דער וועלט.
געזאָגט האָט ער אַמאָל דיר האָב איך גאָרנישט
גאָרנישט נישט געהאַט אין דער וועלט...

נישט געקאָנט מיט אים לעבן נישט אָן אים...
אָ דאָס גליק... אָ דאָס גליק... אָ דאָס גליק...
געמוזט האָט זי פון אים אַוועקגיין
און געווען זיין שאַך און זיין גליק.

דעמאָלט זענען פון שטאָט־גאַסן אַלע
פרעמדע מענער געקומען און געשלעפט
אירע ליפן הענט אירע און ברוסטן:
אָ דאָס גליק... אָ דאָס גליק... אָ דאָס גליק...

אַזוי שווער איז דער גאַנג צון אַ צווייטן.
אפשר פאָרט... נאָך איינמאָל... נאָך איין פרווו...
אָ דאָס גליק... אָ דאָס גליק... אָ דאָס גליק...

פרעמדער מאַן באַרירט צאַרט צוויי ברוסט־עפל.

באַלאַדע פֿון אַ צעבראָכן האַרץ II

...און צום סוף איז טאַקע געקומען
ווי אין אַלטמאָדישע קאָמישע ראָמאַנען
ווו מען ליבט ביז צום טויט און אומגליקלעך...

אָנגערופֿן האָט ער זי: אַ לאַנדשאַפֿט...
אַ פֿרעמד לאַנד מיט שטעט אומדערהערטע...
אָנגערופֿן האָט ער זי: דער ים.
„זיין נשמה איז געווען ווי אַ קאָליר
„ווי פֿון האַרבסט־טעג סאַמעטענע זיסע
„און באַשטימט פֿאַר איר אין דער וועלט...״

דעמאָלט זענען קליינע מערק מיט אַקאַציעס
געוואָרן אַ טעאַטער־דעקאָראַציע
מיט פֿאַרבאָרגענע, מעלאַנכאָלישע מזלות...

און מסתּמא האָט געמוזט אַזוי געשען
אַזוי זייער געמוזט און גאָר איבערוק
ביז עס איז אויס געקומען און געשען...

נישט געקאָנט מיט זיך לעבן, נישט אָן זיך...

באלאדע פון דער שלעכטער ליבע

ליבער וואָלט שוין טויזנט מאָל געוועז
ווען ער קומט נישט
ווען מען וואָלט זיך נישט געווען באַגעגנט:
צווישן טויזנט מענטשן ער און זי...

נישט קיין גרינע בלעטער און קיין הימל
נישט קיין בלאָער מאָרגן און קיין אָוונט
זינט דער צייט...

ס'איז געקומען ווי עס קומט געוויינלעך
מיט דעם בליק
ס'איז צו באַרנישט נישט געקומען
צווישן זיי, אָ דאָס בליק...

זיי האָבן פאַרבאַהאַלטן די געפילן:
אפשר ליבט ער נישט... אפשר ליבט זי נישט...
אַזוי ווי ס'באַדאַרף זיין... נאָר אים איינציק...

שפּעטער איז געבליבן דער אָנדענק
(פאַרבליבן שוין אַמאָל צו געלע בלעטער)
איז אפשר צו ווייניק דער אָנדענק
מיט ווערטער אַזעלכע ווי; דו בליק מיינס

מאָ פּאַרוואָסזשע קומט כסדר דער זאַך;
וואָלט דאָך שוין בעסער געווען
ווען מען וואָלט זיך נישט געווען באַגעגנט...

באלאדע פון פאריזער פלאצן

אויף פּלאַס פּיגאַל אין פּאַריז
האָט מען זיך געליבט און געטויט
און געביטן דעם געליבטן אַלע נעכט
און געזונגען וועגן קורצן גליק...

אויף פּלאַס סעבאַסטאָפּאָל און אָרלעאַן
זענען מענטשן געשטאַנען ביי לאַמטערנס
מענטשן האָבן זיך גערופן מיט בליקן
און מיט מידע ווערטער און הענט.

און אויף פּלאַס און באַס מאָנטמאַרטר
איז אַפילו די הויט מיד געוואָרן
די פּילץ גראָער און א האַרטנדיק האַרץ
און דער קאָקטאַיל געווען זיס ווי דער טויט...

... אָ טרויעריקסטע גליק דו
ווען ליבשאַפט ווערט אַ ליד...

קוליקע פּלעצער פון פּאַריז
זענען פול מיט אומפאַרשטענדלעכע מזלות
ווי די ליבשאַפט איז שוין אַ קליין לידל
זיס און טאַנדייטנע ווי דאָס לעבן...

באַלאַדע פֿון פּאַריזער געסלעך

פֿון טראָקאַדעראָ געקומען —
פֿלאַס טראָקאַדעראָ איז ווי אַ מויער;
פֿלאַך בײַם דער סענע-טײַך
און דער ווערטיקאַל ליגט אין טור אייפֿל,
וואָס פֿליסט מיט דער רעקלאַמע פֿון סיטראָען.

פֿון מיראָמעניל געקומען פֿון געדרענגטן פֿלאַס אָרלעאַן
פֿון פֿלאַס ברענעל און לאַמאָט
מיט מעטראָ-טרעפּ אויסגעטרעטענע,
פֿון בולוואַרן מיט רעקלאַמע פֿון קאַדום-זייף:

געסלעך שמאָלע מיט אַ גורל
צוגעקלעפּט צו די ווענט פֿון פֿאָרנט,
ווי דאָס גליק און דאָס אומגליק אונזערס
האָבן קיין צייט נישט אפֿילו
צו געפֿינען זיך אונטערשטע ווענט.

אַזאַ געסל ווי קאַמפּאַניפּרעמיער
אַזאַ געסל ווי מולען דע בער
אָדער געסלעך פֿאַרויאַנעטע פֿון מאָנטמאַרטר.

פֿאַר קאַמפּאַניפּרעמיער שטייט אַ באַר
דער גרינער באַר „פּעליקאַן".
דאָרט זענען תמיד די לאָדנס געשלאָסן
און מען ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק.
אָ, עס טוט זיך דאָרט מסתמא גאָרנישט:
וואָס'זשע קאָן זיך טון... נאָך איין קאָקטייל...

אויף בעשלאָסענע חייסע פענצטער-לאָדנס
טאַנצן גרויסע רויטע בייכער און גרינע
אויף פיס דינע מיט פנימער ווי ראָזשינקעס.
אַ   מען טאַנצט ווען ס'קאָן שוין גאָרנישט קומען...

דער מאָנטמאַרטר איז דאָ און פּלאַס קאָנקאָרד:
זיי ביידע זענען אין פאַריז.
פּלאַס קאָנקאָרד איז פאַר זיכערע און באַרוישטע,
דער מאָנטמאַרטר פאַר פאַרשפּילטע לעבענס —

און צום סוף מוזען די בער, דאָס געסל —
מוזען די בער ווי מען ווייסט נישט פּלוצים,
צוזאָס אייגענטלעך דאָס קומען אהערצו...

און וואָס הייסט דען דאָס ווערטל: לעבן
כאָטש אַלע פאַרשטייען דאָס וואָרט...

די באַלאַדע פון דעם סענע-טייך

דער נעפּל איז געווען ווי ווייכער סאַמעט
דער בלאָער פּאַריזער נעפּל —
און געווען ווי אַ בולוואַר:
פון דער גרויסער שטאָט פּאַריז אַ בלאָער פּלאַסטער.

און דער סען-פּייסאַזש געווען אַן אַנזיכטס-קאַרטל
מיט אַ רויטער שיף סענטימענטאַלער
און אַ טייך פון אולטראַמאַרין.
אָך, פונוואַנען פּלוצים אַ שיף
וואָס פּאַסט זיך גיכער פאַר אַ ים
און פירט אַ טראַנספּאָרט פון גאָלד-סאַרדינען!

און אַ רויטגעלאָקטער וואַגאַבונד עסט אַ הערינג
און דער הערינג איז זיס-גראָ ווי דער הימל
אין פּייסאַזש מיט דער צינאָבער-שיף.

איבער דער סענע די בריקן:
בריקן פּאַטעטישע
און בריקן סענטימענטאַלע
בריקן מיט אַ טראַגישן זשעסט פון אייַן בויגן
און בריקן פון שפּיצענע טרויעריקייטן
אין אייַזן...

ביז מען קומט צו איינער אַזאַ:
אַזאַ זיס טאַנדייטנער ווי דאָס לעבן,
יענע בריק שפּילט שעמעוודיק און צופּעליק
מיט אַ פּאָר אומבאַהאָלפענע אַקאָרדן
די באַנאַלע קאָמעדיע פאַרלאָזנקייט...

און מען דאַרף פאַרבייגיין מיט צאַרטקייט
לעבן די צוואָנציק סענע-בריקן:
ווי זיי האַלטן זיין דאָס לעבן...

צופיל איז כסדר דאָס לעבן...
און מען מוז זיך צוּן אים אומקערן:
צו דער צינאָבער-שיף מיט סאַרדינען
צו אולטראַמאַרין-טייכער און צו מענטשן...
...בלויז אַ שאָר די פאַרלוירענע צייט...

שונד-באַלאַדע פאַריז

און מען קאָן פאַרגעסן דעם קאָליר
דעם פאַסאָן און אפילו דעם שטאָף
פון דיינע קרעלן דיינע קליידער דיינע בריקן
פאַריז די שטאָט פון בונט-פאַרביקן שונד.

און פאַרגעסן קאָן מען דעם סאַמעט
פון טראָטואַרן און אַספאַלטן
פאַריז בערלין שטאָקהאָלם
און שטעט וואָס איך האָב נישט געזען —

ווען מען וווינט אין אַ לאַנד
וואָס איז מיט פעלדער באַקלעבט
ווו שטעט זענען ווי פעלדער
פון לאַנגווייל געלן און לילאַ קאַרטאָפל...

אָ, קאַרטאָפל-בלומען שמעקן זיס און צאַרט
ווען ס'בלענד נישט קיין האָריזאָנט
מיט פּראָספּעקטן פון שטאָטישע מזלות...

אָבער ערגעצוווּ זענען פאַראַנען שטעט שנעלע
ווי קלעביקע מעטראָס
קאָנען זיין ווי טייטלען זיסע
און ווי לייכטנט קילנדיקע הייסע.

און מען בענקט צו דער שטאָט וווּ מענטשן
הערן זייער מיד און גליקלעך
פֿון קלעביקע מעטראָס און אַספֿאַלטן
פֿון טויזנט קאָלירטע געשטאַלטן
שטאָפּן און מענטשן און בריקן
איבער דער גרינער סענע.

בענקלעך אויף שאמפעליזע

אויף פלאס דע לא קאנקארד אין פאריז
טאנצן אויטאס א מעכאנישן באלעט
ארום א טמעליע פון קילן גלאז.

אויף אלע פלאץ-שטערן פון פאריז
אפערא עטאאל מאדעלען
גייט א ים מיט שטאלערנע אויטא-כוואליעס
דער באלטישער בראער ים פון פאריז.
אין בולווארן אבער גייען טייכער פון אויטאס.

דער בולוואר פון שאמפעליזע איז ווי א שטאט
און דער צוואנציקסטער גארן פון בולוואר
איז א שטאט פון קאלטן נעאן.
נעבן שאמפעליזע פליסט די סענע
די סענע איז פון עלאסטישן שטאל
די סענע איז ווי א טראגישער באשלוס.

איבער שאמפעליזע פליסט קאלטער נעאן
אין שאמפעליזע פליסן אויטאס
שטייען פלוצים קרומע צארטע בענקלעך
פון נאסן נעפל
פון לופט בלאער און פון שטרוי געלן
א, דא קאן מען מיר ווערן ווי א בוים.

קאָרידאָרן פון בלאָער לופט און נעפל
בענקלעך פון בלאָער לופט און נעפל
און מער גאָרנישט
שטיקער לעבן האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט
אין בענקלעך פון בלאָען נעפל
אויף די בילדער פון מאָלער אַנענקאָף.

דאָס לעבן איז אַ צאַרט פאַרבייגיין
איבער בלאָע קאָרידאָרן פון אַנענקאָף
איבער שטאָלערנע שאַמפּעליזישע פעלדער
מיט שטיקער מידע נשמות
צוגעקלעפּטע צו שטרויענע בענקלעך.

צום אָפּחישן צאַרט איז דאָס לעבן
אין נעפּלענע בענקלעך
אין שטאָלערנע אוימאָ-מושלען
מען דאַרף צאַרט באַרירן קילע נעאָן-רעקלאַמעס
און דאָס לעבן.

באלאדע פון א גאסן-מיידל I

און פארדאס גראד א שיף מיט אכט זעגלען
דאס דארף קומען צו דיר פון דער ווייטנס
רויט גאסן-מיידל פון דער „אפער סאר דריי גראשן"...

בעטראכן זיך אין שווארצן קלאבי-שמאף
— קלאט איז איבגאנצן ענלעך צו אטלאס —
אין לאנגע שווארצע זאקן מיט א גלאנץ
און מיט רויטע זאקן-בענדלעך צום ארויפציען.
„בעטראכן זיך אין זייד און אטלאס"...
און שווארץ איז געווען איר קאליר איבער אלע קאלירן.

טעג פארגייען אויף א פלוש-רויטער סאפע
די סאפע קען זיין ווי א געליבטער
געהאט האט זי א געליבטן אין א העלן פאלטא
ער האט זי פארגעסן, ס'מוז אזוי זיין אפשר...

און שווארץ בעטראכן זיך וואָרום
אלצדינג האט פארדארפט נאך געשען.

מיט דער פריינדין האט ער זי פארבעכן
אין דעם לילא-פידזשאמע די פריינדין
שינקט אזוי, ווי א ביליקן ראמאן.

אָבער נישט דערוואוסט האָט ער זיך קיינמאָל
נישט ער און נישט קיין צווייטער
אַז געוואָרן האָט זי אויף אַ שיף
און די שיף האָט אַכט גרויסע זעגלען
און די שיף איז פֿון מעש און פֿון קאָבאַלט
ווי דער ים מיט אומבאַקאַנטע קאָנטינענטן...

אָך, וואָס פֿאַראַ שלאַנקע קיניגין — אָך
באַטש פֿאַרגעסן האָט זי איין אַפּאַש...

אָ, זיס בליק צו וואַרטן אַזוי
אויף אַ שיף מיט זעגלען הייסע
וואָס זאָגן באַלד צו אַלצדינגק
ווי טעג אויף דער פֿלוש־רויטער סאָפֿע
ווען קיין באַסט קומט נישט צו באַזוך...

באלאדע פון א גאסן-מיידל II

באלאדע פון א גאסן-מיידל
מיט דעם מעשענעם נאָמען מאַיאַ
וואָס האָט פּרעזענטירט איר ליבּ
און איר זייער טרויעריק האַרץ
אין אַ פאָרשטאָט-ספּעקטאַקל פון פּאַריז
איינטריט: דריי פראַנק און העכער...

ס'איז אַ פאָרט. אפשר מאַרסעיל. אַ לאַמטערן
אַ באַלויכטן פענצטער און אַ טיר.
אין דער טיר האָט זיך אַ ראָזע קלייד צעעפנט
דאָס קלייד האָט געהערט צו אַ פרוי
און די פרוי האָט געזאָגט בלויז אײן וואָרט:
קום...

און איצטער פון דעם געלד
וואָס מען האָט באַצאָלט איר:
זי האָט נישט געבענקט צו קיין פערל
נישט צו קליידער אַטלאַסענע און פידזשאַמעס
נישט באַדאַרפט קיין שטיקער גלאַנץ און קיין גאָלד-
בלויז אַ שטיקל געווײנלעך גליק
בלויז אַ טראָפּן פון געווײנלעכן לעבן...

אָ, פּאַפּיר-שאַכטל גראָע מיט גילדנס רויטע
פאַרשענקט צון אַ ניי מיידל אויף פּידזשאַמעס —
יענץ מיידל האָט אָפּגעשווירן די האָר
נאָך דעם ערשטן קוש אין דעם האַלז...

... און דאָס קלייד צעעפֿנט יעדן קייטער:
אַ לויז קלייד, אָן קנעפּ איז גאַסטפֿריינטלעך...
אַ, ווי נעמט מען דאָס גליק דאָס אומקלוגע...

אַ זיסע פֿרוי מיט אַ פֿאַרשפּילטן לעבן
נישט מער און נישט ווייניקער ווי ביי אונדז אַלע
פּרוּווט נאָך איינמאָל: דו... קום...

אין מיטאָגן קלעביקע און פֿון גאָרניטשט
זיצן האָקסענע מיידלעך אין פֿענצטער
האַקלען ראָזאַ ברוסט־העלטערס צאַרטע;
... צוויי אויבן אויף די דראָטן און דריי...

אין דעם פּאָרט ביי אַ גרעען ים
אין דעם פּאָרט ביי אַ ים פֿון הייסער בלאָקייט

ביינאַכט בעהען ווידער אַ שיסעריי:
דער אַפּאַש האָט זיין מיידל דערשאָסן
דאָס מיידל אין דער לילאַ־פּידזשאַמע
עמיצער האָט אויסגעקלאַפּט מיט פֿינעף פֿינגער
די מעלאָדיע פֿון אַלע טרויעריקע לעבנס...

אָבער די וויכטיקסטע זאַך דאַרף נאָך קומען
און מען דאַרף זיך צו איר צוגרייטן
מיט אַ גוט צוגעפּאַסטן בוזעם־העלטער...
... דריי אויבן אויף די דראָטן און צוויי...

לעגענדע פון גאלד-שיפן

צומאָל איז דער ים קאַבאַלנע פארטראַכט
צומאָל אולטראַמארינבלאָ מעלאַנכאָליש

און גאָלד איז וואַרעם און צאַרט
אָדער מיטאַגדיק ווייס.

פון שערבורג בעגאַנגען „איוראָפּע" די שיף
פון ליווערפּאָל די „בעאַרניק"
און איין שיף א דוּלע האָט גאָר געהייסן „מאַנהאַטאַן".

שיפן פירן גאָלד איבער ימען
קיילעכדיקע, ווי דאָס לעבן מאָנאָטאָנע
קיילעכדיקע שטיקער גלאַנץ און גליק.

שפּעטער אין באַנק-הייזער און קאַנטאָרן
ליגן הויפנס בענקשאַפט זיסע
אין רעזערוו-פעדעראַל-באַנק ניו-יאָרק
אין אוניאָן-באַנק לאָנדאָן און מאַדריט:
זאַכן און מזלות פּאַטאַלע
און דאָס גליק פון דער וועלט: דאָס געשען...

וואָלט קיין גאָלד נישט געווען אויף דער וועלט
וואָלט מען עס אויסגעטראַכט
צום צייכן פון לעבן און גליק.

דער ים איז קאַבאַלטן
דער ים איז אולטראַמאַרינבלאָ
איבערן ים גייען גאָלד־טראַנספּאָרטן
ווי מאַראַנצן ווי הערינג־שיפן
קיינער ווייסט נישט פון די גאָלד־טראַנספּאָרטן
גאָמעגלאָזע און פּאַטאַלע.

פּאַרוואָס פירט מען גאָלד אין קאַסטנס
אונזער בענקשאַפט און אונזער גליק
און נישט אויף זעגלען אָפענע
אײַנזאַמע און שטאָלצע ווי לעגענדן...

לעגענדע פון די באנקהייזער

פון האַלב-אָפיציעלע נאָטיצן הייסט מען:
דעם פערטן מערץ ניינצנהונדערט דרייאונדרייסיק
האָט דער גאָלד-אוצר אין רעזערוו-פעדעראַל-באַנק
אויסגעמאַכט ביי די פיר מיליארד דאָלאַר.

און גרעסער נאָך ווי דער ווערט פון באַנקנאָטן
איז געווען פון געלן גאָלד דער הויפן;
מיט אַ האַלבן מיליארד מער... אָ, דאָס גליק...

פאַרגעקומען איז דאָס אין שטאָלצע וואָלקן-קראַצערס
פון ניו-יאָרק, דעטראָיט און טשיקאַגאָ
אינמיטן פון דער קלאַסישער רו
פון ווענט. פון גלאָז. פון שטאָל.

זענען געלעגן גאָלד-הויפן
ווי ערד פעטע
און ווי אַ גליק אַ שווערס.

ביז מען האָט נישט געגלויבט
אַז ס'קאָן זיין:
גלויבן נישט געקאָנט אַז גאָלד
קאָן ליגן הויפנווייז אומגעוויטיק
ווי קרומע פעטע ערד

ביז מען האָט עס געוואָלט אָנטאַפּן
פילן גאָלדן בלוט אין דער וועלט.

דעמאָלט איז דורך דרײַ װאָכן לאַנגע
באָלד אַנטלאָפֿן פֿון באַנק-הײַזער און קאַנטאָרן
פֿאַר דער װעלט אָבער װאָס האַלט פֿון אָרדנונג
האָבן באָלד פֿאַרטראָטן באַנקראָטן
און פּאַפּירן.
זיבן מיליאַרד דאָלאַר
האָבן איצט פֿאַרפֿלײצט די װעלט
דעם װעלט-באַלאַנס אױפֿגעהאַלטן.

איצטער קאָן מען שױן צעטעפּענען די באַנק-לאָדנס:
איצטער בײַט מען אױס פּאַפּירן
אױף שטאָפֿן
אױף קלײדער אױף הײַזער אױף קאַרטאָפֿל:

און די װעלט האָט שױן װידער מזלות...

לעגענדע פֿון זילבער

זילבער איז אַ רעזיגנירטער מעטאַל
זילבער איז מילד און אָפּזייטיק
און די פּערלגראָע מידע פֿאַרנאַכטן.

זילבער איז גלייכגילטיק
און דעריבער אומעטיק זייער
די עמיצער וואָס גלויבט שוין נישט אין גאָרנישט.
און איז תמיד פֿון לעבן דערווייטערט.

און דעריבער האָט זיך מיט זילבער נישט גערעכנט
אויך די וועלט-ווירטשאַפֿט נייצנהונדערט דרייאונדרייסיק.

אָבער מענטשן קאָנען נישט לעבן אָן געלד
וואָס קויפֿט און בייט און פֿאַרקויפֿט
די זיסע נוצלעכקייט פֿון אונזער לעבן.

אויסגעביטן דאָס לעבן אויף שטאָפֿן
אויף קליידער, אויף שיך, אויף קאַרטאָפֿל
דורך דעם געלד
ווער וויל אונזער לעבן אָן געלד...

אויפֿן ערשטן אָרט שטייט דאָס גאָלד:
און וואָס נאָך פֿאַר אַ מעטאַל אַזוי וואַרעם
אַזוי צוגעבונדן צום לעבן...
אויפֿן צווייטן אָרט שטייט זילבער
זילבער איז אַ גלייכגילטיקער שטאָף...

אָבער דאָס שטאָלצע גאָלד איז געווען צו ווייניק
און מער באַגער איז געווען אין דער וועלט
איידער רויטער וואַרעמער גאָלד-מעטאַל...

דעמאָלט האָט אויך זילבער דערלעבט
זיין שטאָלצע און גראָטעסקע לעגענדע:
אַ שטיק זילבער פאַר לעבן אַ שטיק
אַ שטיק לעבן ווערט נויטיק פאַר זילבער
זאַכן באַקומען גורל אַראַנק זילבער...

ווען פינאַנצפאָטענטאַטן
ווען גרויסע קאָנצערנען, נאַפט-גרובן, פאַבריקן
פון פאַרדס, דעטערדינגס און קרויגערס
גיבן בלויז אַ ווינק מיט אַ ווונטש...

דעמאָלט קאָן אפילו זילבער
דער בלאַסער, אַפּזייטיקער מעטאַל-גוף
פאַרפלאָנטערן די וועלט אין גורלות
אין דעם זשאַנר פון אַ נייער לעגענדע...

[illegible] מדויעריקייטן זענען א דעקאראטיווער עלעמענט פון לעבן

דאס גאנצע לעבן קאן ווערן דעקאראטיוו ; דאס געשעט דענסטמאל, ווען א הערשאישע, רויע סכעמע, צו וועלכער ס׳ווערט דערפירט די פולקייט פון לעבן, דעמאסקירט די אורסכעמע פון מאנאטאניע.

דעמאלט מוז מען זיך אומקערן צו דער אינטערפרעטאציע („דעם איבערבוי״) פון די פאר רויע פאקטן פון לעבן.

ווי אן ארנאמענט ווערט דעמאלט אויסגעפוצט מיט פא־סירונגען דער לעבנס־שטח : אן ארנאמענט פון פאסירונגען, וואס לאזט נישט צו קיין איבעריקן טראפן פלאץ פאר מאנאטאניע.

דער רויער, קאנצענטרירטער, דריידימענזיאנאלער לעבנס־קלומפ ווערט דא ווי א צווייידימענזיאנאלע. פלאכע דעקאראציע.

אבער מיט דעם דעקאראטיוויסטישן צעלייגן דאס לעבן אין א רעשט אין פאסירונגען — קומט אויך א פסיכישע קאנסטעלאציע פון רעכענען זיך מיט ערגעצדיי באראנענע, פארטיקע, זאכן : זאכן, וואס „דארפן קומען״, און דער איינציק מעגלעכער צו־שטאנד : פון ווארטן ; דאס אפווארטן פון פארטיקע מעגלעכקייטן, פון „איבערלעבונגען״, וואס קאנען קומען אדער נישט קומען.

אויך אזא ארט פירט דער דעקאראטיוויסטישער לעבנס־באגעם צון א קאנסומפטיוון : „קאנסומפטיוו״ דערפאר, ווארום וואו בנדיק און זיך שפייזנדיק מיט פארטיקע, פון אונז אומ־אפהענגיקע, פאסירונגען.

אין דעם באנד זעען די לידער פון די ציקלען „טרינק־לידער" און „שונד־באלאדן" אן אויסדרוק פון א דעקאראטיוויסטיש־קאנסומפטיוון לעבנס־באנעם. דער ציקל „מאנעקינען" פרעזענטירט דעם קאנסטרוקטיוויזם, דעם המשך פון די „טאג־פיגורן".

די ראזיקע דיאלעקטיק פון אינהאלט האט זיך אנטפלעקט ווי לויט דעם וווּנדערלעכן העגעלישן געזעץ.

די טעזע: דער רוּיער סכעמאטיזם פון לעבן; די קילקייט און הערמעטישע מאנעקענען; די מאנעקענישע רעכטעק־פיגור ווי א צייכן און סימבאל פון א לעבנס־ריטם; שטימונגען און פאסטורנגען, וואס ווערן אמפאסיקסטן באצייכנט מיט די נעמען פון געאמעטרישע פיגורן און טראגן אין זיך דעם אינהאלט פון פיגורן, די אורסכעמע פון קילעכדיק און רעכטעקיק; (די טיפישע טראנספאזיציע פון די צוויי פרינציפן איז: די דינאמיק — דאס ווארטן — די פארענדערונג פארבונדן מיט דעם בילד פון דער עליפטישער ליניע; די סטאטיק — די שטילקייט פון מאס — די אומפארענדערלעכקייט, צו וועלכער מען מוז צורעכענען די מאנעקענע פון ווידערקומען — מיטן סימבאל פון דער רעכטעק־פיגור).

אזא לעבנס־סכעמע אנטשפרעכט דער סטיל פון קוביזם. דער המשך פון יענעם קוביזם איז דער קאנסטרוקטיוויזם. דא ווערט צום הויפט־פראבלעם דאס דעמאסקירן פון אנטקעגנגעזעצטע מעכדענצן פון לעבן, וואס נעמען אריבער אן די געשטאלט פון פלישלעכקייט און מאשינעלקייט. דאס אריבערגיין און פארמישן די גרענעץ צווישן דעם מאשינעל־מעכאנישן און דעם פלײשלעך־לעבעדיקן פרינציפ שאפט די שטימונג פון סטאטיק מיט דער אינגרעדיענץ פון לעבנס־ווונדערלעכקייט.

דער אנטיטעז: די טראגיק פון מאנעקענע און דער אורסכעמע פון רעכטעק. דער בלינדער קרייז פון זאכן; דער

בלינדער קרייז פון נשמה-פאסירונגען, ווי צווי אנטקעגנגעזעצטע און איינציקע מעגלעכקייטן ווייזן זיך ארויס ווי נישט אויספירבאר, ווארומקיינע פון זיי גיט קיין גליק נישט.

דער סינטעז: די רעהאביליטאציע פון דעם וואס איז צוגעגנגלעך און מעגלעך; פון „דעם לעבן". דאס באטייט: די רעהאביליטאציע פון מאנאטאניע און פון דעם טאגדייט, דעם שטאף פון אלע ווינציקע פאסירונגען.

און היינט קומט ווידער די צייט פון א נייער מעזע: א דריע, הארטע ארוסכעמע פון לעבן ווערט נייטיק. דעריבער פאדערט דאס פרעזענטירן פון א רעקאראטיוו-קאנסומפטיווער מארמאציע אן ארויסקלערונג.

אפשר קאן זי באשטיין אין דעם, וואס איעדע קאנסטרוקטיווע לעבנס-פארמאציע אנטוויקלט זיך ביז צו רעקאראטיווקייט.

אפשר אין דעם פאקט פון מאמענטן, וואס רעקן-אויף די צווייטע זייט פון יעדער זאך אין לעבן: די אזמענדלעכע פרויעריקייט.

רעמאלט ווערט רעהאביליטירט דער רעקאראטיוויסטישער אריגינעלער פרויעריקייט, ווי עפעס, וואס געהערט תמיד צום לעבן.

אינהאלט

I מאנעקינען 1930-1931

פיגורן־לידער (I-V)	5 — 9
קײלעכדיקע לאַנדשאַפט	10
הערינג־פעסלעך	11
האָלץ־סוחרים	12
לאַלקעס	13 – 14
פערד און טאַרסן	15 — 16
מאַנעקינען	17
אַ ליד פון שטוב־מעבל	18
וואַסער	19 — 20
צווײ מעטאַלן	21
הײזער	22
שטאַט־גראַטעסקע בערלין	23 — 24

II טרינק־לידער 1930-1932

טרינק־לידער (I-VI)	27 - 34
האַרבסט־מאַטיוו I	35
האַרבסט־מאַטיוו II	36
האַרבסט־נעפּל	37
ליבע־פּערזן 1920	38 — 39
ליבע־ליד	40
מצבה־אויפשריפט	41
שיד	42

III שונד־באַלאַדן 1931-1933

באַלאַדע פון אַ שוואַרצן מעלאַניק 45 – 46
באַלאַדע פון אַ שלעכטן ראָמאַן 47
באַלאַדע פון אַ צעבראָכן האַרץ I 48
באַלאַדע פון אַ צעבראָכן האַרץ II 49
באַלאַדע פון דער שלעכטער ליבע 50
באַלאַדע פון פּאַריזער פּלאַסן 51
באַלאַדע פון פּאַריזער געסלעך 52 – 53
באַלאַדע פון דעם סען־טייך 54 – 55
שונד־באַלאַדע פּאַריז 56 – 57
בענקלעך אויף שאַמפּעליזע 58 – 59
באַלאַדע פון אַ גאַסן־מיידל I 60 – 61
באַלאַדע פון אַ גאַסן־מיידל II 62 – 63
לעגענדע פון גאָלד־שיפן 64 – 65
לעגענדע פון באַנק־הייער 66 – 67
לעגענדע פון זילבער 68 – 69